# יחידה

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

חג הסוכות / גליון נ"ז - מוגדל



צו פארשפרייטן דעם גליון
אין נאך בתי מדרשים
און באלייכטן נאך אידישע נשמות

רופט:

אין מאנסי
347.452.3118

אין וויליאמסבורג
347.768.3577

צו פארשפרייטן אין נאך שטעט
רופט 347.452.3118

וזכות הרבים יהא תלוי בכם!



מפעלות חסידות
קול דודי
לעבן מיטן אייבערשטן

0722 531 385

וויכטיגע מעלדונג

מערכת "קול דודי" באנייעט זיך מיט נייע נומבערן אין אמעריקע און אין אירופה

אין אמעריקע
605.313.6695

אין אירופה
033.0551.7811

דא וועט איר קענען ממשיך זיין זיך צו דערקוויקן דאס הארץ, טאג טעגליך, מיט די זיסע לעכטיגע חסיד'ישע שמועסן


## חסיד'יש געפערדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# א פנימיות'דיגע פרייליכקייט

### מיר זעצן זיך אריין אינעם אויבערשטנ'ס דירה'לע און מיר וואוינען צוזאמען מיט אים אין גן עדן! נו, קען עפעס זיין מער פרייליך ווי דאס???

געווען איז דאס איין טאג פון חול המועד סוכות. געוועגליך זענען דאס טעג ווען א מענטש האט אביסל מער ישוב הדעת צו זען וואו ער האלט אויף דער וועלט, בפרט מיט דער מדה פון שמחה - וואס דאס איז יעצט דער עיקר עבודה פון 'זמן שמחתינו'. ר' משה זיצט זיך אין בית המדרש נאך מוסף, און ער באטראכט זיין חבר ר' מאיר וועלכער שיינט פאר שמחה, א קנאה וועקט זיך אויף אין אים, און ער קען זיך נישט איינהאלטן. ער לויפט צו צו ר' מאיר און ווענדט זיך צו אים מיט אן אפן הארץ:

- "זיי מיר מסביר וויאזוי דאס שטימט, איך הייב נישט אן צו פארשטיין וואס דא גייט פאר. איך האב אזויפיל געלט און עס גיסט זיך מיר גוטס, איך האב א הערליכע הויז פון צוויי שטאק, א טייערע קאר, איך פארמאג צען דירות וועלכע ברענגען מיר אריין א שיינעם סכום חודש'ליך, איך האב פיינע און געלונגענע קינדער מיט וועלכע איך טשאטשקע זיך פון נחת, און אלעס גייט מיר אזוי גוט. און דאך... ווי קום איך צו צו דיין גליקליכן שמייכל? אין דער צייט וואס דו האסט נישט קיין קינדער, חובות האסטו בשפע, א קליין דירה'לע - וועלכע געדענקט שוין נישט וועלכע קאליר מען האט גענוצט ביים פארבן... און מיט דעם אלעם, דרייסטו זיך ארום שטענדיג מיט א גוטע גיסטע, דו שיינסט פון ליכטיגקייט און פרייליכקייט, כאילו אלעס גייט דיר גוט. וויאזוי מאכסטו דאס?! לערן מיר אויס דעם סוד!".

- "דו פרעגסט אדער דו ענטפערסט", צושמייכלט זיך ר' מאיר מיט א וויצלענדער טאן, "דו האסט דאך יעצט אליינס געזאגט די גאנצע זאך. דער חילוק צווישן מיר און דיר איז, אז דו האסט זייער אסאך גוטע זאכן, און דעריבער ביסטו נישט פרייליך מיט קיין איין זאך. ווידעראום, איך האב איין איינציגע זאך וואס עס איז מיר גוט, און דעריבער פריי איך זיך מיט דער איינע זאך!".

- "איך פארשטיי נישט קיין איין ווארט וואס דו רעדסט", זאגט ר' משה, "פארוואס מיט איין זאך פריידט מען זיך מער ווי מיט אסאך זאכן? און וואס איז שוין די איינע גוטע זאך וואס דו פארמאגסט - וואס דאס מאכט אזוי פרייליך?! אפשר קען איך אויך גיין קויפן די איינע גוטע זאך?".

- "אודאי! דו דארפסט עס נישט גיין קויפן אין ערגעץ, ווייל דו האסט עס שוין ביי דיר... קום לאמיר דיר מסביר זיין, וועסטו אלעס פארשטיין! און עס איז טאקע די ריכטיגע צייט יעצט צו עוסק זיין אין דעם, ווייל אט דאס וועט מאכן אונזער 'שמחה' אינעם 'זמן שמחתינו'. קום, לאמיר עס צוזאמען אויסשמועסן און מיר וועלןביידע ארויסגיין פרייליך פון דעם שמועס מיטן אויבערשטנ'ס הילף!".

> דרייסט זיך ארום שטענדיג מיט א גוטע גיסטע, דו שיינסט פון ליכטיגקייט און פרייליכקייט, כאילו אלעס גייט דיר גוט. וויאזוי מאכסטו דאס?! לערן מיר אויס דעם סוד!"

## דער סוד פון שמחה

חג הסוכות ווערט אנגערופן 'זמן שמחתנו'. פרעגט זיך די שאלה: וואס עפעס? וואס איז יעצט געשען אז פונקט יעצט ווערט מען פרייליך?! עס איז נישט ווי פורים וואס מען פראוועט א זכר פאר א נס, נאר דא איז סתם א טאג צווישן אנדערע טעג, פארוואס זאל מען יעצט ווערן פרייליך?! **נאכמער:** סוכות איז דאך א צייט וואס מען איז אומבאקוועם, מען גייט ארויס אין א דירת **עראי**, דארט עסט מען און שלאפט מען, און עס שפירט זיך נישט ווי אינדערהיים וואו אלעס איז צוגעשטעלט באקוועם און ברייט. נו, פונקט דארט איז מען קונה שמחה? **דריטנס:** וואס איז דער שליסל צו זיין פרייליך? פארמאגן אלעס - מאכט נישט פרייליך! דאס האט מען שוין אויספרובירט מער ווי איינמאל, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט פאר א פאקט, אז מענטשן וואס האבן אסאך גוטס, זענען בכלל נישט מער פרייליך און גליקליך. אודאי, קענען זיי אמאל האבן מער רואיגקייט, אבער זיי זענען נישט עכט 'פרייליך'. איז וואס יא? וועלכע זאך מאכט פרייליך?

דער ענטפער צו די אלע שאלות שטייט אין 'שפת אמת' (תרמ"ג. זעה דארט באריכות נאך נקודות): **"יְמֵי הַסֻּכּוֹת שֶׁנִּקְרָאִים 'זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ', כִּי הַשי"ת זִכָּה אוֹתָנוּ לֵישֵׁב בְּצִלּוֹ. וְהִיא מֵעֵין בְּחִינַת הַגַּן עֵדֶן, דִּכְתִיב 'וַיָּשֶׂם שָׁם כו' הָאָדָם', וְעִקַּר הַבְּרִיאָה הָיָה לִהְיוֹת דִּירַת הָאָדָם שָׁם, וְשָׁם הָיָה הַשִּׂמְחָה כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן'. והשי"ת הִכְנִיסָנוּ לְדִירָה זוֹ שֶׁחָל עָלֶיהָ שֵׁם שָׁמַיִם כִּדְאִיתָא בַּגְּמָרָא, וְהַשִּׂמְחָה בִּמְעוֹנוֹ - לָכֵן דִּירָה זוֹ מְבִיאָה הַשִּׂמְחָה".**

אין זיינע הייליגע ווערטער האט ער געווארפן די באמבע וועלכע פארענטפערט אלע אונזערע שאלות. וואס איז דער סוד און שליסל צו שמחה? זיין נאנט און דבוק צום אויבערשטן!!! זיך שפירן באשיצט און באקוועם אונטער דעם אויבערשטנ'ס פליגל!!! ווייל אינעם אויבערשטנ'ס וואוינונג איז געשמאק! דארט איז א גן עדן! דארט איז פרייליך און גליקליך!

דער חשבון איז גאנץ פשוט: וויאזוי זאל בכלל א מענטש ווערן פרייליך פון פארמאגן אסאך פאלאצן? עס איז דאך פארהאן אזויפיל מער - וואס ער האט נאכנישט - פון וויפיל ער האט שוין יא... אבער דער וועלכער וואוינט אינעם אויבערשטנ'ס פאלאץ כביכול - פארמאגט א-ל-ע-ס! נישטא קיין תענוג וואס ער האט נישט! און אט דאס געשעט פונקטליך אום סוכות: מיר זעצן זיך אריין אינעם אויבערשטנ'ס דירה'לע און מיר וואוינען צוזאמען מיט אים אין גן עדן! נו, קען עפעס זיין מער פרייליך ווי דאס???

## מען טיילט 'שפע', וואס נעמסטו?

דער 'שפת אמת' זעצט פאר: **"וְהַשִּׂמְחָה הוּא תַּעֲנוּג פְּנִימִי, וּכְתִיב 'לְאָדָם שֶׁטּוֹב לְפָנָיו נָתַן חָכְמָה וְדַעַת וְשִׂמְחָה, וְלַחוֹטֵא נָתַן עִנְיָן לֶאֱסוֹף'".** דער 'חוטא' האט נישט קיין דעת, דערפאר איז ער נאר פארנומען צו מאכן נאך און נאך געלט און נכסים, מיטן פלאן אז דורכדעם וועט ער ווערן פרייליך. אבער עס געשעט נישט! ער ווערט נישט פרייליך! ער בלייבט ביים משוגעת פון 'מאכן געלט', 'ענין לאסוף'. פארוואס? ווייל עס

המשך אין עמוד ב


דער גליון האט דיר דערלויכטן? יעצט איז די געלעגנהייט צו באלייכטן נאך א יוד
אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג
אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט: 347.452.3118
תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483

# ארבעה מינים

## וואס איז די פנימיות פון די ד' מינים? • פארוואס שאקלט מען נענועים כהולכה און הבאה? • אביסל טיפער אין עבודת הנענועים

**אברהם יצחק:** די הייליגע טעג פון סוכות אז שוין אט אט דא! טעג וואס זענען אנגעלאדנט מיט קדושה און שמחה, און פול מיט מצוות: סוכה, ד' מינים, שמחת בית השואבה, הושענות אא"וו. בפרט אז מיר זענען זוכה זיך צו ווייקן בצל קדשו פונעם רבי'ן שליט"א, באקומט דעם יו"ט גאר אן אנדערע משמעות צוזעענדיג אזא עבודת הקודש... ווער רעדט נאך פון די געהויבענע שעות ווען מ'איז זוכה מיטצוהאלטן די עבודה פון נענועים... אה!

**משפיע:** אויף וואספארא נקודה ווילסטו זיך שטעלן? מיר קענען פארשטייט זיך נישט עספיען אויסצושמועסן יעדע נקודה וואס דו האסט דערמאנט... מ'איז יעצט פארנומען מיט די צרכי החג, און מ'יאגט ניטאמאל אן צו טון עבירות... וועלכע נקודה איז ביי דיר דאס וויכטיגסטע?

**אברהם יצחק:** די עבודה פון הלל און נענועים. מיר שטייען אזויפיל שעות און קוקן צו די עבודת הקודש, מ'דארף קלאר מאכן וואס מ'טוט דעמאלטס אויף וואס צו קוקן...

**משפיע:** וועלכע נקודה שפירסטו אז עס איז דיר נישט קלאר אין נענועים מיט הלל?

### 'געפילן', אדער אן אינערליכע חיבור?

**אברהם יצחק:** קוק. ס'איז טאקע שעות פון קורת רוח, איך שטיי פאר א גאנצע שעה מיט די ד' מינים אין מיינע הענט, בשעת מ'לייגט אראפ א הלל און ווארעמע ניגונים. דערצו טוט דער רבי שליט"א דערהייבן דעם גאנצן עולם העכער די וועלט... ווען איך קוק זיך ארום, זעה איך ווי חסיד'ישע אידן שטייען מיט א געוואלדיגע קאך, ווען זייערע מחשבות שוועבן ערגעצוואו... ס'איז ממש מלא התרגשות.

איבערהויפט ווען מ'זעט די עבודה וואס דער רבי שליט"א לייגט אריין אין די נענועים, ברענגט עס מיר צו פילן ווי דא ליגט עפעס הימליש... דאס עצם צוקוקן די עבודת הקדוש, מאכט מיר שפירן אז כאטש כ'בין אזוי ווייט פון עפעס פארשטיין, פילט זיך מיר א זכיה נאר אנצוכאפן די הייליגע ד' מינים און באקומען א חביבות דערצו!

**משפיע:** איז דאך גוט? האסטו א התעוררות דערפון, און דו גייסט צו מיטן ריכטיגן צוגאנג, וואס קען מען צולייגן?

**אברהם יצחק:** איך האב טאקע א התעוררות, אבער איך שפיר אז ס'איז נאר אויף צייטווייליג, נאר בשעת מעשה. ס'פעלט מיר די סארט חיבור צום מצוה אויפן פארנעם אז ס'זאל מיר באגלייטן אויף ווייטער. כ'מיין אז ווען כ'זאל האבן מער 'חומר למחשבה' קען עס מיר אסאך העלפן נישט צו בלייבן נאר מיט די חיצוניות'דיגע חלק און די 'רגש' פון די מצוה, נאר מיט א חיבור צום שורש פון די מצוה און צום מטרה וואס די ד' מינים דארפן פועל'ן ביי מיר.

**משפיע:** קודם כל דארפסטו געבן דעם אויבערשטן א שבח והודאה, פארן דיר געבן די שכל צו פארשטיין אז דו קומסט נישט דא נאר צו עפעס א 'מעמד', ווי בלויז א נייגעריגער 'צוקוקער', אדער גאר צו געוואויר ווערן נאך א מנהג וויאזוי מ'פירט זיך אין דעם חצר... שוין אפגערעדט אז דו קומסט נישט בלויז ווייל 'יעדער קומט'... דו קומסט ווייל מ'פארלאנגט עפעס פנימיות'דיג פון דיר!

**אברהם יצחק:** ס'איז זיכער נישט אין מיין זכות, נאר מכח דעם רבי'ן שליט"א וואס ענדיגט נישט פאדערן פון אונז נישט צו לעבן אויף אן אויבערפלעכליכע אופן. ווי אויך מיטן הילף פון די משפיעים וואס קלערן אונז שטענדיג אויף די פנימיות פון יעדע עבודה, איבערהויפט דאס וואס איך האב די זכיה אז דער משפיע געבט מיר אוועק פון זיין טייערע צייט... דאס אלעס ברענגט מיר צו די הבנה נישט אריבערצוגיין די הייליגע טעג מיט בלויז 'געפילן'...

### מיר האבן ז' מידות אין זיך!

**משפיע:** פיין. לאמיר א משהו אנרירן די עבודה פון די מצוה. אבער פארן מסביר זיין די פנימיות פון נענועים, מוז איך מאכן א הקדמה וואס באדייט די ד' מינים זעלבסט.

כ'וועל זיך נוצן מיט די שפראך וואס חסיד'ישע ספרים רעדן. די ד' מינים זענען מרמז אויף זיבן ספירות - חסד גבורה תפארת נצח הוד יסוד מלכות, ווייל ד' מינים איז צוזאמגעשטעלט פון זיבן פרטים: דריי

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

פעלט אים דער 'חכמה ודעת' אינעם אויבערשטן. ווידעראום, דער 'טוב לפניו' באקומט אביסל 'חכמה ודעת ושמחה', ער גייט אריין אין דער פנימיות'דיגער תענוג פון דער וועלט, וואס דאס איז נאנטקייט צום אויבערשטן, און דאס מאכט אים עכט פרייליך.

**"וְכָל זֶה מִתְקַיֵּם בִּימֵי הַחַג. דִּכְתִיב 'רַבִּים אֹמְרִים מִי יַרְאֵנוּ טוֹב, נָתַתָּ שִׂמְחָה בְלִבִּי, מֵעֵת דְּגָנָם וְתִירוֹשָׁם רָבּוּ' - פֵּרוּשׁ, שֶׁבְּסֻכָּה הוּא יְמֵי הַשְּׁפָעָה לְעוֹלָם, וְהָאֻמּוֹת כָּל אֶחָד נוֹטֵל שֶׁלּוֹ וּמְאַסֵּף רֹב דָּגָן וְתִירוֹשׁ, אֲבָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם לְקַבֵּל פְּנִימִיּוּת הַהַשְׁפָּעָה, וְהוּא הַתַּעֲנוּג וְהַשִּׂמְחָה".** ווען עס קומט 'חג האסיף', שטייען אלע פויערן און פארמער אין די פעלדער, און קלויבן צוזאם זייערע אלע גוטע זאכן און פיינע השפעות. קומט זיך אן א אידעלע, און רופט זיך אן: "איך וויל אויך גוטע זאכן, אבער נישט אזעלכע חיצוניות'דיגע גוטע זאכן, נאר דער פנימיות דערפון! איך וויל דעם 'חיות אלקות' וואס ליגט אין די אלע זאכן! דעם אויבערשטן אליינס! איך וויל האבן תענוגים און שמחה מיטן שפירן א 'קרבת אלקים לי טוב'!". און אזוי זאגנדיג די ווערטער, לאזט זיך דער אידעלע ארויס אין א טענצל: **"אשרינו, מה טוב חלקינו".**

כדי צו ווערן פרייליך מיטן אויבערשטן אליינס - אן אריינמישן דערין קיין גשמיות'דיגע הצלחות - מוזן מיר זיצן אין א 'דירת עראי', און דארטן זיין פרייליך מיטן אויבערשטן וועלכער באשיצט אונז אונטער זיינע פליגל. **"לָכֵן נִתַּן מִצְוַת סֻכָּה עַתָּה, לִרְמֹז כִּי אֵין אָנוּ חֲפֵצִים בְּרֹב דָּגָן וְתִירוֹשׁ, רַק לִהְיוֹת הֲכָנָה לַעֲבוֹדַת הַשי"ת שֶׁהִיא הָעִקָּר... וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל מַרְאִין זֹאת בַּסֻּכָּה שֶׁיּוֹצְאִין מִדִּירַת קֶבַע לְדִירַת עֲרַאי, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ 'בָּחַרְתִּי הִסְתּוֹפֵף בְּבֵית אֱלֹקַי' - אַף בַּעֲרַאי, 'מִדּוּר בְּאָהֳלֵי רֶשַׁע' - בִּקְבִיעוּת'. כִּדְאִיתָא בְּרַשִׁ"י זַ"ל בְּפָסוּק 'טוֹב לַחֲסוֹת בַּה'" - חִסָּיוֹן מוּעָט, מִלִּהְיוֹת בָּטוּחַ בִּקְבִיעוּת 'בִּנְדִיבִים'".** פון רש"י קומט אויס: אפילו איינער וועלכער ווערט אויסגעהאלטן פון אן עושר און ער איז 'מובטח' מיט א פארזיכערונג אז עס וועט אים גארנישט פעלן - וועט אים אבער יא פעלן! וואס? שמחה און גליק... ווידעראום, דער וועלכער באשיצט זיך אביסל אויפן אויבערשטן - אפילו טאמער זיין דרגא פון 'בטחון' איז גאנץ שוואך אין איינקלאנג מיטן ערשטן מענטש - וועט ער אבער זיין א פרייליכער און גליקליכער מענטש! ווייל 'שייכות מיטן אויבערשטן' - ברענגט 'שמחה'.

### קויף איין שמחה אויף א גאנץ יאר

ווער וויל דען נישט זיין פרייליך? יעצט אינעם יום טוב סוכות, איז אונזער צייט צו קויפן שמחה אויף א גאנץ יאר. וויאזוי? דורכן זיך אריינלייגן אין דער **פנימיות!** די וועלט האט אונז צו פארקויפן אסאך 'דגן ותירוש', אבער מיר דארפן זיין קלוג, און זיך באהעפטן צו א פנימיות'דיגע גוטס, א דביקות אינעם אויבערשטן - אפילו אויב דאס איז ווייניג און עראי'דיג.

**לאמיר זיך אראפנעמען א פאר מינוט פון ישוב הדעת דורכאויס דעם יום טוב, וואס מיר וועלן זיצן רואיג אין דער סוכה, און זיך אליינס פארהערן:** וואס איז ביי אונז דער עיקר? פון וואס ווערן מיר נתפעל, פון א חיצוניות'דיגער טומל און א רויזיגע גוטס, אדער פון א טעם אין געטליכקייט - וואס פונדרויסן זעט מען גארנישט? ווען שפירן מיר זיך 'אינדערהיים': אין געשעפט אדער אין בית המדרש? צי איז טאקע אמת ביי מיר דער 'בחרתי הסתופף בבית אלקי' - אפילו עראי'דיג, מער ווי 'דור באהלי רשע' - זיצן אין דער ביזנעס און מאכן אסאך געלט?

דארטן, אונטער דעם אור פון דער סכך, אין דער דירה פונעם אויבערשטן כביכול, וועט נשפע ווערן פאר אונז די ליכטיגקייט פונעם יום טוב - דער 'אור הפנימיות', די 'שמחה' און דער 'תענוג'. און דארט וועלן מיר איינקויפן שמחה אויף א גאנץ יאר.

**א פרייליכן יום טוב, און** (אין רעזולטאט) **א פרייליך יאר!**

הדסים אנטקעגן חסד-גבורה-תפארת, צוויי ערבות אנטקעגן נצח-הוד, לולב אנטקעגן יסוד, און אתרוג אנטקעגן מלכות.

**אברהם יצחק:** ספירות, מידות...פארגעס נישט מיט וועמען דו רעדסט, איך קען נישט די שפראך!

**משפיע:** ביסט גערעכט אז מ'רעדט דא פון הויכע זאכן, אבער דארפסט פארשטיין אז דו האסט די אלע ספירות און מידות אין זיך! סיי דיין אויסערליכע געשטעל, אזויווי ס'שטייט אין 'פתח אליהו' וואס איז געדרוקט אין די סידורים, און אוודאי אין דיין פנימיות, אין דיינע געפילן און מאטיוון, אלעס ציעט זיך גראד פון די ז' מידות.

עס זענען דא געוויסע זאכן וואס דו גלייכסט און דערפאר דערנענטערסטו זיי צו דיר - דאס קומט פון מידת החסד. אנדערע זאכן דערשרעקן דיר און דו האלטסט זיי ווייט פון דיר - פון גבורה. פאראן זאכן וואס דו טוסט זיך אויף מיט זיי אדער דו ווערסט נתפעל פון זייער שיינקייט אדער קראפט - דאס איז תפארת. האסט אין זיך די מידה פון עקשנות און כח אונטערצונעמען אויפגאבעס און זיי אויספירן ביזן סוף - מידת הנצח. קענסט זיך אמאל בייגן און מודה זיין אויפן אמת - דאס איז מידת ההוד. צומאל שפירסטו זיך באהאפטן צו א געוויסע זאך און פילסט א מורא'דיגע תענוג דערין - פון יסוד. און צום לעצט ענטהאלטסטו א מעגליכקייט ארויסצוברענגען מכח אל הפועל דאס וואס דו האסט ליב, פיינט אדער טוסט זיך אויף דערמיט וכו' - דאס איז מלכות, דער כח צו ארויסברענגען למעשה די אלע מידות.

**אברהם יצחק:** מסכים, איך פארשטיי אז מיין מהות איז צוזאמגעשטעלט פון ז' מידות, און די ד' מינים צייגן דערויף. גוט, אבער וואס געבט מיר דאס צו? וואס מאכט אויס אז איך נעם אין מיינע האנט די זאכן וואס זענען מרמז אויף מיינע מידות און געב עס א שאקל?

**משפיע:** זייער פשוט. ווייל דו דארפסט וויסן, אז דיינע מידות ווערן נאכגעשלעפט און 'אקטיוויזירט' יעדעס מאל דו טרעפסט זיך מיט סיי וואספארא מצב אדער געשעעניש.

צום ביישפיל: ווען דו זעסט אן עסנווארג וואס דו האסט ליב, גלייך ערוועקט זיך אין דיר אן אהבה עס צו ליב האבן. אדער ווען איינער וויל דיר באַ'גנב'ענען אדער שעדיגן, צינדט זיך גלייך אן אין דיר א געפיל פון שרעק, און די געפיל שטאמט פון מידת היראה. און אזוי ווייטער און ווייטער יעדע זאך אין דער וועלט ערוועקן די מידות. די פראבלעם איז נאר, אז די אלע געפילן ווערן אויסגענוצט בלויז צו פארגרעסערן און פארזיכערן דיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט, און ערפילן בכלל נישט די מטרה אויף וואס זיי זענען באשאפן געווארן.

אין אמת'ן קומען די אלע מידות פון קדושה, און דער אויבערשטער האט זיי אריינגעשטעלט אין דיר פאר א הייליגע צוועק. נאר וואס? ווילאנג א מענטש דרייט אויף די גשמיות'דיגע וועלט אין א גשמיות'דיגע גוף, פארגעסט ער די עיקר תכלית פארוואס ער איז באשאפן געווארן, און דערפאר נוצט ער אויס זיינע מידות צו יעדע גשמיות'דיגע זאך וואס רייצט אים אן.

יעצט געבט אונז דער אויבערשטער די מידות אין אונזערע הענט, ווען זיי זענען ממש א חפצא של מצוה, און אזוי ברענגען מיר ארויס די חלק הקדושה פון די מידות ס'זאל דינען נאר פאר קדושה צוועקן. אין די מינים אליינס איז פאראן די השראת השכינה, אזויווי דער בני יששכר (מאמר י) שרייבט: יעדער אנדערע באשעפעניש האט א מלאך וואס היט עס אפ, אבער די ד' מינים זענען אונטערן השגחת השי"ת אליינס. מיר כאפן אן די מינים [-מידות] און זענען מקיים מיט דעם א מצוה, און אזוי זענען מיר מעורר אונזערע מידות צו ווערן געבויגן צום צד הקדושה.

## ערוועקן אונזערע מידות

> יעצט געבט אונז דער אויבערשטער די מידות אין אונזערע הענט, ווען זיי זענען ממש א חפצא של מצוה, און אזוי ברענגען מיר ארויס די חלק הקדושה פון די מידות

**אברהם יצחק:** און וואס איז דער ענין פון מאכן נענועים דערמיט?

**משפיע:** דער אר"י הקדוש האט אנטפלעקט די סוד דערפון, און ס'ווערט ברייט ארומגערעדט אין חסיד'ישע ספרים. די פינטל איז אזוי: מיטן שאקלען הייבן מיר אויף די מידות צו מוחין, און דערנאך ברענגען מיר זיי צוריק צום הארץ מיט א פרישע שפע פון מוחין.

**אברהם יצחק:** וואס... אפשר קענסטו בלייבן מיט מיר...?

**משפיע:** כ'וועל עס מסביר זיין לויט אונזערע השגות. יעדער איד ווייסט אין זיין טיף-טיפסטע מקום אין הארץ, אז נאך אלע מעשיות זענען מיר נישט אראפגעקומען אויפן וועלט פאר שוואוילטאג... יעדער ווייסט אין מוח זייער גוט אז אונזער תכלית איז אונטערצוואווארפן אונזערע כוחות און מידות נאר צום רצון ה'.

וואס נאר? ווי ערווענט, דאס הארץ שפירט עס נישט, און לאזט בייגן די מידות צו זייטיגע, פריוואטע רצונות, אזויווי צדיקים האבן געזאגט: פון 'וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם' ביז 'וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ', איז דא א מרחק פון 'שָׁמַיִם וָאָרֶץ'... קומט אויס, אז ווי נאר מיר נעמען די מידות און פארבינדן זיי מיטן שכל, ווערן זיי גלייך איבערגעדרייט צום צד הקדושה, ווייל די מינוט די שכל נעמט 'קאנטראל' אויף די מידות, נוצט ער זיי נאר אויסצופירן דעם אמת'ן רצון ה'.

דאס איז די כוונה ביים מאכן הולכה: מיטן פעולה פון דערווייטערן די מינים פון זיך, טוען מיר זיי דערנענטערן צו 'דעת', צום שכל. ווייל מיטן עס דערווייטערן פון זיך, נעמען מיר אוועק די באטרעפנדע מידה פון אונזער אייגענע נטיה אין וואו די מידה איז איינגעזינקען, און געבן עס איבער צו איר מקור, צום אויבערשטן! און אזוי באקומען זיי א נייע צורה פון קדושה, און די מידת אהבה ווערט אנגעריכטעט זיך צו ווענדן בלויז צו ליב האבן דעם אויבערשטן און זיינע מצוות, אזוי ווייטער די מידת היראה צו ווערן גענוצט בלויז צו מורא האבן פונעם אויבערשטן, און האבן א פחד נישט צו עובר זיין אויף זיין רצון. און אזוי ווייטער יעדע מידה באזונדער.

דערנאך מאכן מיר הבאה און דערנענטערן די מינים צוריק צו זיך, ווייל מיר ווילן איינפלאנצן די הארה און אונזער הארץ. היות דאס הארץ א מקום פון 'מלכות' (ווייל דאס הארץ איז דער 'קעניג' און געבט לעבן פאר אלע אנדערע גלידער), און מיט הבאה זענען מיר משעבד אונזער הארץ אויסצונוצן די מידות נאר כדי אויסצופירן דעם רצון ה'.

## אויף למעשה

**אברהם יצחק:** האסט מיר געגעבן אסאך זאכן אין וואס אריינצוטראכטן: א. אין וואספארא זאכן ליגן מיינע מידות. ב. אין וואספארא זאכן דארפן זיי אין אמת'ן ליגן. ג. צוריקשטעלן די מידות צו זייער ריכטיגן ארט. ד. אריינברענגען אן עול מלכות שמים אין מיינע אלע מידות. יעדער פון פיר נקודות פאדערט א באזונדערע שטיק התבוננות...

**משפיע:** טאקע אזוי! און דאס טוען מיר ביים זאגן הלל מיט די מינים אין אונזערע הענט און זענען עס מנענע, בשעת מ'זינגט ניגוני התעוררות מיט געהויבענע געפילן. דאס איז א ריכטיגע 'תשובה מאהבה', מ'קערט זיך נישט צום אויבערשטן נאר אלס פחד הדין, נאר פון א תשוקה צו זיין נאנט מיטן אויבערשטן! אויבערהויפט דאס צוקוקן אויף די עבודה פון א צדיק, העלפט אריינצושיינען אין אונז די זיסקייט פון א ריכטיגע קירבת ה'.

**אברהם יצחק:** האסט אזוי צווישן די ווערטער מרמז געווען אז סוכות קומט דווקא נאך ימי דין...

**משפיע:** האסט גוט צוגעטראפן. די הייליגע טעג ברענגען אונז צו מבטל זיין אונזערע אייגענע רצונות צום אויבערשטן, דורכ'ן מקבל זיין און אויסשרייען מלכות שמים אויף זיך, אבער נאר פון פחד הדין. ווידעראום סוכות, טוען מיר טאקע ממשיך זיין מלכות שמים און באקן עס איין אין אונזערע מידות, אבער אויסדריקליך אלס שמחה און אהבה. ווייל דאס נעמען מידות און עס פארוואנדלען צו קדושה, איז אן עבודה פון 'עשה טוב' וואס קומט פון אהבת ה', און דערפאר שאפט עס א געוואלדיגע שמחה אין א אידישע הארץ.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**'שבעת ימים עושה אדם סוכתו קבע' אז אונז זאלן מאכן די אמונה (סוכה - צילא דמהימנותא) זאל זיין קבוע ביי אונז**

הרה"ק מרוזין זי"ע

# די נקודה פון יום טוב סוכות

## וואס איז דער עיקר נקודה פונעם יום טוב?

## שאלה:

צוליב די טירדות פון די לעצטע פאר טעג ב"ה, האב איך נישט געהאט דאס ביסל ישוב הדעת זיך אראפצוזעצן און דורכטון דעם ענין פון יו"ט. אפשר קען מען מיר ארויסברענגען אין קורצן דעם עיקר נקודה פון עבודת החג? מיט וואס דארף מען 'לעבן' יו"ט סוכות?

## תשובה:

### א
### זמן שמחתנו

די נקודה פונעם יו"ט, איז ווי מיר זאגן ביים דאווענען: 'זְמַן שִׂמְחָתֵינוּ', **ס'איז א זמן פון שמחה מיטן אויבערשטן.**

> ווען א איד כאפט אז דער גרויסער, מעכטיגער אמת'ער באשעפער וויל אין אים, און איז אים מקדש און איז זיך מייחד מיט אים, ברענגט דאס אים אן שמחה בלי סוף

די שמחה פון חג הסוכות איז נישט ווי די געווענליכע שמחה יעדע אנדערע יו"ט, נאר ס'איז פיל העכער פון דעם. מיר טרעפן אין חז"ל, אז סתם 'חַג' גייט ארויף אויף יו"ט סוכות, ווייל חג איז פון לשון 'חֲגִיגָה', מיינענדיג שמחה און ריקודים, אזוי ווי ס'שטייט אין די תורה לגבי יו"ט סוכות: 'וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ'. ווען דער בית המקדש איז געשטאנען איז געווען נאך א חיוב פון 'וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים', ווען יעדע נאכט איז פארגעקומען אין בית המקדש געזאנגען און טענץ מיט א שמחה וואס מיר קענען זיך אפילו נישט פארשטעלן (ווייטער וועט ווערן ערקלערט בע"ה וואס איז געווען די ספעציעלע שמחה דווקא אין בית המקדש). אזוי אויך איז דאס א יו"ט וואס מ'זאגט גאנץ הלל, און יעדן טאג איז מען מקריב א אנדער קרבן, צו מרמז זיין אז יעדן טאג פון יו"ט איז א נייע התחדשות פון שמחת החג.

**וואס איז פשט פון די געוואלדיגע שמחה?** נאך יום כיפור ווען מיר האבן זיך אויסגעררייניגט פון אונזערע עבירות, נאכן זוכה זיין זיך צוריקצוקערן צום אויבערשטן פון די שרעקליכע ריחוק וואס מיר האבן פריער געהאט פון אים - פרייען מיר זיך יעצט, אויף דעם אז מיר האבן זיך צוריק דערנענטערט צו השי"ת.

די נאטור פון א נשמה ציעט צו האבן א קשר מיטן אויבערשטן, ווייל פונקט ווי ווען א קינד געפינט זיך נעבן זיין טאטע איז אים גוט אויפן הארץ, אזוי אויך ווערט פאר די נשמה גוט 'אויפן הארץ' צו זיין מיטן איר טאטן אין הימל. יעצט אז די נשמה האט זיך מגלה געווען אום יום כיפור, און ס'האט זיך אויסגעקלארט אז השי"ת איז 'אביכם בשמים' (משנת 'אמר ר' עקיבא', סוף מס' יומא) - ווערט א זמן שמחה. א מורא'דיגע געפיל פון 'אשרינו מה טוב חלקנו', א געפיל פון קירבת ה', א געפיל פון 'יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעֹשָׂיו בְּנֵי צִיּוֹן יָגִילוּ בְמַלְכָּם, יְהַלְלוּ שְׁמוֹ בְמָחוֹל בְּתֹף וְכִנּוֹר יְזַמְּרוּ לוֹ, כִּי רוֹצֶה ה' בְּעַמּוֹ יְפָאֵר עֲנָוִים בִּישׁוּעָה'.

### ב
### ימים טובים פון תשרי: א מהלך פון אויפפרישן אונזער קשר מיטן אויבערשטן

אין אמת'ן, טוען מיר סוכות אינעם זעלבן ענין וואס מיר האבן געטון דורכאויס ראש השנה, די עשרת ימי תשובה און יום כיפור, צו אויפפרישן אונזער קשר מיטן אויבערשטן. נאר אין די פריעדיגע טעג האבן מיר זוכה צו טון דערין אין א צורה פון 'עבודה', מחדש זיין דעם קשר דורך עבודה און התחייבות, ווידעראום אין די קומענדיגע טעג וועלן מיר בעז"ה זוכה זיין, עס צו טון אויף א מהלך פון 'שמחה' פון זיין פריילך און צופרידן מיטן קשר.

**לאמיר מסכם זיין וואס מיר האבן געהאט פון אנהייב תשרי ביז יעצט:** ראש השנה ווערט נתחדש די קשר צווישן אונז מיטן אויבערשטן, ווייל ראש השנה איז א טאג פון התחדשות הבריאה, און די גאנצע בריאה איז דאך פאר כלל ישראל, ווייל די גאנצע סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט איז נאר ווייל ער האט פאראויס געזען די עבודה פון אידישע קינדער, און דערפאר קומט די התחדשות הבריאה אלס תוצאה פון א התחדשות אין דעם קשר צווישן אידן מיטן אויבערשטן, און אט די התחדשות געשעט דורכ'ן ממליך דעם אויבערשטן ביי תקיעת שופר. און אזוי ווערט באנייט מלכות שמים און דער קשר.

אבער צוליב אונזערע פילע עבירות, האט זיך דער קשר נאכנישט אינגאנצן ארויסגעברענגט אין די עפנטליכקייט, ווייל אן עבירה איז א טאטאלע קאנטראסט צום קשר מיטן אויבערשטן, היות די מציאות פון אן עבירה מיינט, זיך אפרייסן פון השי"ת. אויף דעם האט אונז דער אויבערשטער געגעבן יום הקדוש, ווען מיר זענען מגלה די שטארקע קשר וואס מיר האבן מיט השי"ת, אויף אזוי ווייט אז קיין שום עבירה קען נישט באמת אפהאקן דעם קשר, און פון גרויס קשר און די הויכע שורש וואו מיר שטאמען ווערט נתכפר און אפילו מתוקן יעדע עבירה.

ווי נאר דער קשר ווייזט זיך ארויס מיט איר פולסטן שטארקייט, קומט חג הסוכות ווען מיר פרייען זיך מיט אונזער קשר מיטן אויבערשטן. יענער קשר וואס האבן ראש השנה געבויעט און אום יום כיפור מגלה געווען איר אומבאגרייפליכע טיפקייט, מיט דעם קשר טוען מיר זיך יעצט פרייען. ווייל די אמת'ע וועג וויאזוי א קשר דריקט זיך אויס, איז ווען מ'פריידט זיך דערמיט, ווען מ'שפירט זיך גוט מיטן קשר, ווען ס'איז געשמאק מיטן קשר, און דאס איז די שמחה פון סוכות.

### ג
### די שמחה פונעם קשר מיטן אויבערשטן דורך תורה און מצוות

אבער דא דארף מען אונטערשטרייכן, אז די שמחה אין חג הסוכות איז דווקא מיט תורה און מצוות. ווייל דורך תורה און מצוות איז מען זוכה צו לעבן דעם אמת'ן קשר מיטן אויבערשטן (עיין אין רמב"ם וואס שטעלט צוזאם די שמחה אין תורה און מצוות מיט די שמחת חג הסוכות), און דערפאר פרייען אונז זיך מיטן קשר מיטן אויבערשטן וואס ווערט נתגלה דורך תורה און מצוות.

אין אמת'ן איז דאס זיין בשמחה מיט תורה און מצוות א קריטישע ענין אין עבודת ה', אויף אזוי ווייט אז די תורה זאגט ביי די תוכחה: 'תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב'. ווי אויך ווערט געברענגט וואס דער הייליגער אריז"ל האט מגלה געווען, אז ער איז צוגעקומען צו זיינע

חלק מהוצאות הגליון לחג הסוכות
נתנדב על ידי ידידנו החשוב
הרה"ח רבי אלתר יצחק וגשל שליט"א מאנסי
לרגל השמחה במעונו בהולת בתו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט ותלמידיו הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת
הקידושא רבה יתקיים בע"ה בביהמ"ד שינאווא

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**דער בעל שם טוב הק' זי"ע איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, צו אריינווארצלען אין אידישע הערצער, אמת'ע שמחה, און אמת'ע שפלות**

הרה"ק ר' נח מלעכעוויטש זי"ע

אלע השגות און מדריגות דורך שמחה של מצוה, ווייל יעדע מצוה איז אים טייערער פון אלעס אין די וועלט. זעט מען דערפון אז שמחה מיט תורה און מצוות איז א יסודות'דיגע ענין, נישט ווייניגער ווי מקיים זיין די תורה און מצוות בפועל.

די סיבה דערצו, איז ווייל מ'קען מקיים די מצוות אויף צוויי וועגן: **איינס**, ווייל ס'איז די ריכטיגע זאך צו טון, סך הכל זענען די מצוות 'אנווייזונגען פונעם פראדוצירער', דער באשעפער פון די וועלט ווייזט אונז אן וויאזוי צו לעבן און נוצן ריכטיג זיין וועלט. אדער א **צווייטן** וועג, ווייל זיי ברענגען און אנטפלעקן אונזער קשר און ליבשאפט צום אויבערשטן, ווי באקאנט אז 'מצוה' איז פון לשון 'צוותא', באהאפטן, ווייל די מצוות טוען ארויסברענגען דעם אויבערשטנ'ס אור אויף די וועלט, און אונז באהעפטן זיך צו אים.

פארשטייט זיך, אז דער וואס איז מקיים די מצוות ווייל 'אזוי האט דער פראדוצירער אנגעוויזן צו טון', פריידט זיך נישט דערמיט. ער איז טאקע זייער ערנסט און געהארכזאם דערצו, און געבט אכטונג נישט צו קאליע מאכן און אפנייגן פון די אנווייזונגען, אבער ער האט נישט קיין שמחה. ווען באמת איז די גאנצע מהות פון מצוה עפעס וואס איז מקשר דעם מענטש מיטן אויבערשטן, אויף א פארנעם פון א שמחת חתונה צווישן כלל ישראל מיטן טאטן אין הימל! אויב אזוי איז נישטא קיין גרעסערע שמחה ווי דעם, און מיר וואלטן געדארפט טאנצן און שפרינגען מיט די קלענסטע פעולה וואס פארמאגט סיי וואספארא שייכות מיט א מצוה, ווייל די משמעות פון אזא פעולה איז, אז מיט דעם ווערן מיר פארבינדן מיטן אויבערשטן.

ווען א איד כאפט אז דער גרויסער, מעכטיגער אמת'ער באשעפער וויל אין אים, און איז אים מקדש און איז זיך מייחד מיט אים דורך זיינע מצוות, אזויווי מיר זאגן ביי ברכת המצוות: 'אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ - בְּמִצְוֹתָיו', קדשנו איז מלשון 'קידושין', ברענגט דאס אים אן אומגעהויערע שמחה בלי סוף. ווייל לעולם איז עס אן אומפארשטענדליכע זאך, אז אור אין סוף ב"ה זאל זיך מגלה זיין אין נידריגע מענטשליכע באשעפענישן! אבער כאטש די צוויי עקסטרעמען זענען אזוי ווייט בלי גבול, אזוי אויך איז זייער קשר בלי גבול, קומט אויס אז די שמחה וואס דארף ארויסקומען פון תורה און מצוות, איז עפעס וואס האט נישט קיין צוגלייך אין די וועלט!

אבער ווען מ'איז נישט מקיים די מצוות מיט שמחה, אפילו אויב מ'פירט עס אויס מיט אלע פיטשעווקעס, ענדלט עס צו א פארפאלק ווען זענען מורא'דיג מכבד איינער דעם צווייטן, אבער ס'איז נישטא קיין שום נפשיות'דיגע פארבינדונג צווישן זיי צוויי און זיי לעבן ווי גלייך צוויי שכנים. ווייל א קשר מוז זיך אויסדריקן אין שמחה, און ווען ס'איז נישטא קיין שמחה, דעמאלטס נישט נאר וואס די קשר ברענגט זיך נישט ארויס געהעריג, נאר ס'ווערט פאררעכנט ווי א באליידיגונג, ווייל ווען איינער האט אן אמת'ע קשר מיט א צווייטער אבער יענער באלעבט עס נישט, ווערט דער ערשטער זייער באליידיגט.

ווי געזאגט, אין אמת'ן וואלט מען זיך געדארפט פרייען א גאנץ יאר, די פראבלעם איז נאר, אז במשך דעם יאר זענען פאראן פארשידענע סיבות פארוואס מ'שפירט נישט דעם קשר געהעריג. הויפטזעכליך ווייל די נשמה, וואס טוט איינגטליך נאכאנאנד שפירן דעם קשר מיטן אויבערשטן, איז פארהוילן אונטער א שיכט פון חומריות וואס האט זיך אנגעזאמלט צוליב אונזערע עבירות און מסכים המבדילים. אבער ווען ס'קומט חודש תשרי און מ'באנייט דעם קשר ראש השנה, און אום כיפור אנטפלעקט מען די טיפקייט פונעם קשר און מיר רוימען אוועק אלע מסכים המבדילים, יעצט קען שוין די נשמה שפירן אירע נאטורליכע געפילן, זי שפירט א קשר מיטן אויבערשטן, זי כאפט אז אלע תורה און מצוות וואס מ'איז מקיים דורכאויס דעם טאג טוען אויסדריקן אונזער קשר מיטן אויבערשטן, און אז דאס איז די איינציגסטע זאך וואס האט א ווערד אין די וועלט, און אלע אנדערע זאכן זענען בלויז א טפל און הילף דערצו.

## ד

# שמחת בית השואבה

דער אמת איז, אז די שלימות'דיגע שמחה פון יו"ט סוכות, איז דווקא אין בית המקדש. פארוואס? ווייל אין בית המקדש איז געווען השראת השכינה, דארט איז נתגלה געווארן נשמת ישראל מיט איר גאנצע פראכט, און דערפאר האט די נשמה דארט געשפירט דעם אור ה', און זיך געפריידט מיטן זיך טרעפן מיט איר שורש, דעם אויבערשטן. דאס איז געווען 'שמחת בית השואבה', אויף וואס חז"ל זאגן אז איינער וואס האט עס נישט מיטגעהאלטן 'לא ראה שמחה מימיו'.

נאך מער ווי דעם: די סיבה פארוואס די שמחה אין בית המקדש איז געווען אויף א העכערע שטאפל, איז געקומען צוליב דעם ווייל אויך די כפרת עוונות אין בית המקדש איז געווען אויף א העכערע פארנעם, דורך די עבודה פון כהן גדול און שעיר המשתלח אא"וו, וואס מיר האבן ליידער מער נישט. בכלל איז דער בית המקדש געווען א פלאץ פון אויסערגעווענליכע שמחה, אזויווי דער פסוק זאגט: 'מְשׂוֹשׂ כָּל הָאָרֶץ'. די סיבה דערצו איז ווייל יעדן צופרי און פארנאכטס האט מען מקריב געווען א קרבן תמיד וואס האט מכפר געווען אויף אלע עבירות, אזוי אז חז"ל זאגן 'לא לן אדם בירושלים ועבירה בידו'.

כאטש מיר האבן נישט אט די ספעציעלע שמחה וואס קומט א דאנק דעם 'מקום' מסוגל פאר שמחה, האבן מיר די שמחה וואס קומט פונעם 'זמן' מסוגל פאר שמחה, און אויך טיילווייז צוליב דעם מקום מסוגל, ווייל אויך א סוכה איז א מקום פון השראת השכינה.

און ס'איז נישט קיין ספק, אז אויך מיר האבן א חלק אין יענע שמחת בית השואבה וואו אידן האבן געשעפט רוח הקודש. ווייל ס'איז פשוט, אז אויב חז"ל האבן געזאגט: 'מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו', האבן זיי עס נישט אבי געזאגט כדי אונז צו טרעטן אויף די געהירן...

> דאס ס'איז פשוט, אז אויב חז"ל האבן געזאגט: 'מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו', האבן זיי עס נישט אבי געזאגט כדי אונז צו טרעטן אויף די געהירן...

נאר זיי ווילן אונז זאגן, אז די גרעסטע שמחה וואס איז פארהאן, איז די שמחה פון שמחת בית השואבה און מיר דארפן שטרעבן אנצוקומען אהין. **און וואס איז די שמחה?** די ניסוך מים התחתונים אויפן מזבח, וואס איר משמעות איז די התקרבות וואס אונטערשטע נבראים אויף די וועלט האבן צום אויבערשטן.

**צום שלוס דארף מען צולייגן:** די עבודת השמחה אום חג הסוכות איז מסוגל צו נמשך ווערן אויפן גאנצן יאר, אזויווי ס'שטייט אין ספרים הק', אז די ימים טובים זענען משפיע פארן גאנצן יאר (אזויווי די נוסח הברכה: 'והשיאנו ה' אלקינו את ברכת מועדיך'), איבערהויפט די ימים טובים פון תשרי וואס זענען דער שורש פאר א גאנץ יאר. דערפאר מיטן מאכן אן אתערותא דלתתא פון שמחת יום טוב, וועלן מיר בעז"ה זוכה זיין צו אן אתערותא דלעילא צו זיין בשמחה א גאנץ יאר מיט אונזער קשר מיטן אויבערשטן דורך תורה און מצוות. און לויט וויפיל מיר וועלן אינוועסטירן אין די טעג זיך ארומצודרייען מיט א געפיל פון שמחה און גליק, אריינלייגן כוחות אין דאווענען און הלל כדי אויסצודריקן אונזער פרייד מיטן אויבערשטן, און טאנצן און זיך פרייען מיט אונזער קעניג - אזוי וועלן מיר זוכה צו די שמחה פארן גאנצן יאר.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**איך יעדן פאל זאלט איר זיין בשמחה, ווייל פון שמחה שלא לשמה, וועט איר אנקומען צו שמחה לשמה**

הרה"ק מרוזין זי"ע


**חלק מהוצאות הגליון לחג הסוכות**

נתנדב לעילוי נשמת הנגיד המפורסם לשם ולתהילה,
רודף צדקה וחסד, בנה עולמות של תורה ועבודה בטהרה
הרה"ח רבי **שמואל צבי** ב"ר **יצחק** ז"ל **אייזנבערג**
מייסד ביהמ"ד 'בית יחיאל' בקרית יואל
נלב"ע י"ז תשרי תשע"ט

**הונצח ע"י משפחת אייזנבערג החשובה**

# די פנימיות פון מצות סוכה

## אין קורצ'ן וואס איז די נקודה מצות סוכה?

### שאלה:

פון אזויפיל ענינים און בחינות וואס שטייט לגבי סוכה; דירת עראי, ענני כבוד, צלא דמהימנותא, האב איך פארלוירן די פשוט'ע מהות פון מצות סוכה. אפשר קען מען מאכן א שטיקל סך הכל פון די מצות?

### תשובה:

### א
## זיצן אינאיינעם מיטן אויבערשטן

סוכה ווערט אנגערופן אין זוהר הקדוש 'צִלָּא דִמְהֵימָנוּתָא', וואס איז טייטש, א שאטן פון אמונה אין השי"ת. נאך שטייט אין זוהר הק' אויפן פסוק: 'כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת', אז 'אזרח' איז נוטריקין א' זרח, וואס מיינט אז דער וואס 'שיינט אויף אים' דעם 'אלופו של עולם', ער זיצט אין די סוכה, דאגעגן א גוי וואס האט נישט קיין חלק מיטן אויבערשטן, האט נישט קיין שייכות מיט סוכה, ער איז אינגאנצן ארויסגעשטעלט דערפון. אזויווי חז"ל זאגן, אז לעתיד לבוא וועט די סוכה אויסקלארן אז כלל ישראל איז דבוק צו השי"ת, ווייל דער אויבערשטער גייט מאכן א שרעקליכע היץ, און די גויים וועלן געבן די סוכה א שטויס און ארויסשטורעמען מיט כעס, אבער די אידן, כאטש זיי וועלן דארפן ארויסגיין פון סוכה, וועלן זיי עס חלילה נישט שטויסן, און דאס איז מגלה אז זיי זענען מחובר און דבוק צום אויבערשטן.

לערנען מיר זיך ארויס דערפון, אז די ענין פון סוכה איז אז מיר זיצן אינעם שאטן און יחוד פון השי"ת, אזויווי דער פסוק זאגט: 'כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל' - דער אויבערשטער באזעצט זיך מיט אונז אין סוכה, ווייל אויף יעדע סוכה איז חל שם שמים (אזויווי חז"ל זאגן, אז ס'איז אזויווי א קרבן). און דאס אליינס איז דער ענין פון די 'ענני כבוד': זיצן אינעווייניג אין אויבערשטנ'ס ליבשאפט, און זיין אינגאנצן ארומגענומען מיט יחוד ה'.

דערפאר ווערט חג הסוכות אנגערופן א זמן פון 'יְמִינוֹ תְּחַבְּקֵנִי', ווייל די מהות פון א חיבוק איז אז מ'נעמט איינעם ארום מיט ביידע הענט, צו זאגן אז איך בין אינגאנצן מיט דיר און גארנישט קען אונז אפטיילן. די זעלבע איז דער ענין פון סוכה, מיר זיצן אינעם אויבערשטנ'ס ליבשאפט און השגחה און רצון, און זענען פולשטענדיג ארומגערינגלט מיטן אור ה', אויף א אופן אז ס'איז נישטא קיין שום מעגליכקייט און צד אונז אפצוטיילן.

דאס איז דער ענין פון 'צא מדירת קבע ושב בדירת עראי'. ווייל אום סוכות גייט א איד ארויס פון 'קביעות', וואס מיינט טבעיות, און באזעצט זיך אינעם אויבערשטנ'ס סוכה, אזוי אז די גאנצע וועלט ווערט אים ווי אן עראי. ווייל דעם אמת'ן קביעות איז צו זיצן אויפן שולחן המלך, און באמת איז דאס זיין שטענדיגע רצון, 'שבתי בבית ה''.

> אויב וועט ער אמאל האבן די זכיה אריינצוגיין צום רבי'ן אין צימער, זיך אוועקזעצן ביים טיש, און נאך עסן א סעודה צוזאמען, וועט ער נישט שפירן קיין גרעסערע גילוי פון אהבה ווי דעם

### ב
## קשר אויך ביים טאג טעגליכן לעבן

**נאך א מעלה האט די סוכה:** מיר גייען אריין אינעם אויבערשטן, אזויווי צדיקים האבן געזאגט: מיט די שטיוול! 'אוכל ושותה ישן ומטייל', הייסט אז מ'לעבט נישט דעם קשר מיטן אויבערשטן נאר מיט תורה און מצוות, נאר אויך ביים טאג טעגליכן לעבן, און כאטש מיר קוקן אויס דערמיט ווי יעדער אנדערער מענטש אין די וועלט, מיר עסן און טרינקען, מיר שלאפן און שפאצירן, אבער פונדעסטוועגן זענען מיר מגלה, אז אויך ביי די זאכן זענען מיר באהאפטן צו נשמת ישראל און צום אויבערשטן.

די בחינה פון סוכה איז אין אמת'ן די שטערקסטע דביקות אינעם אויבערשטן, א בחינה פון 'אטייל עמך בגן עדן'. אזויווי א חסיד וואס פאלגט אויס געטרייערהייט אלעס וואס זיין רבי הייסט אים, אבער אויב וועט ער אמאל האבן די זכיה אריינצוגיין צום רבי'ן אין צימער, זיך אוועקזעצן ביים טיש נעבן רבי'ן, און נאך עסן א סעודה צוזאמען, וועט ער נישט שפירן קיין גרעסערע גילוי פון אהבה ווי דעם. ווייל פון איין זייט איז זיין רבי זייער דערהויבן און הייליג, אבער גלייכצייטיג האט ער א געוואלדיגע ליבשאפט צו אים.

אזוי אויך ביים נמשל, די סוכה איז ווי א 'צל אמונה' וואו עס ווערט נתגלה דעם אויבערשטנ'ס דערהויבנקייט וואס איז העכער אונזערע השגות, אבער אין די זעלבע צייט שטייט אויך זיין ליבשאפט העכער אונזער השגה, און דער אויבערשטער נעמט אונז ארום מיט זיין 'צל', און מיר זענען דבוק אין אים.

**פאר מיר רירן אן דעם ענין פון 'אושפיזין', וועלן מיר מסיים זיין מיט איין וויכטיגע נקודה:**

ס'איז כדאי צו נעמען א מוסר השכל פון יו"ט סוכות, אז די שמחה איז דווקא ווען מיר זיצן אין די סוכה, וואס איז לכאורה בלויז א דירת עראי. דאס קומט אונז זאגן, אז די וועלט וואס קוקט אויס ווי א 'קבע', האט באמת נישט קיין שמחה, און ס'קען נאר בארואיגן און צופרידן שטעלן א מענטש אויף צייטווייליג. ווען איז יא דא שמחה? נאר דורך קשר מיטן אויבערשטן, וואס לויט די השגות פון אונזער וועלט קוקט אויס ווי אן עראי, עפעס וואס מ'קען נישט טאפן מיט די הענט. אבער אין אמת'ן איז נישטא קיין גרעסערע און קראנטערע קביעות און נצחיות ווי דעם, און זיך פרייען מיטן קשר צום אויבערשטן, ערגענצט און באפריידיגט דעם נפש אויף א פנימיות'דיגע און אמת'ע אופן.

### ג
## וואס איז דער ענין פון אושפיזין?

**לגבי דעם ענין פון אושפיזין:**

**די ערשטע סיבה** פארוואס די אושפיזין קומען אראפ דווקא אום חג הסוכות, איז ווייל די אושפיזין זענען די שורשים פון א נשמה, און היות יעצט נאך ראש השנה און יום כיפור האט זיך אונזער נשמה אנטפלעקט, און אונזער קשר מיטן אויבערשטן האט זיך באנייט, דערפאר שיינען די אושפיזין אויף די נשמה מיט זייערע ליכטיגקייט. (אגב, דאס איז די סיבה פארוואס אין די ימי האושפיזין, האבן צדיקים געמאכט אן עסק פון מענטשן וואס טראגן די נאמען פון דער טעגליכער אושפיזא, ווייל א נאמען פון א מענטש ווייזט אויף זיין שורש נשמה, און דורכ'ן נאמען קען מען מקשר זיין דעם מענטש צום שורש, די הייליגע אושפיזין).

**די צווייטע סיבה** פארוואס די אושפיזין קומען אראפ סוכות, ווייל געווענליך קענען זיי נישט אראפקומען אויף די וועלט צוליב איר פינסטערניש און פארגרעבטקייט, אבער וויבאלד א סוכה איז א בחינה פון גן עדן, איז עס א פאסיגע פלאץ וואו זיי קענען אראפקומען. אבער די סיבה פארוואס זיי קומען בכלל אראפ, איז כדי צו משפיע זיין א הארה אין די נשמות וואס זענען אן ענף פון זייער שורש.

און דאס וואס ס'שטייט אין זוהר הק', אז מ'דארף איינלאדענען די אושפיזין און זיי אנגרייטן א פלאץ אין סוכה (אגב איז כדאי אנצומערקן, אז אלע אושפיזין קומען אראפ יעדע נאכט, אבער יעדעס מאל קומט אן אנדערער אין שפיץ), איז כדי זיך צו מתחבר זיין צו זיי, און מקבל זיין די הארה וואס זיי קומען אריינשיינען. וועגן דעם האבן זיך צדיקים און אנשי מעשה געפירט צו עוסק זיין ביי יעדן טאג מיטן ענין פון יענעם אושפיזא, און ארומרעדן פון די מידה וואס יענער איז משפיע: אהבה, יראה, רחמים, נצחיות, הכנעה, התקשרות און א רצון צו קבלת עול. ווייל ווי געזאגט, די אושפיזין זענען משפיע זייער הארה פארן גאנצן יאר.

**פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע**

> צדיקים בזמנינו זאגן אז זיי זעהען די אושפיזין, אבער איך האב אמונה, אמונה איז קלארער ווי זעהן
>
> הרה"ק מקאצק זי"ע

# פנימיות ארבעה מינים

**אין קורצ'ן וואס איז די נקודה מצוות ד' מינים? און וואס איז די עבודה דערפון?**

## שאלה:

ווי געזאגט פריער ביי מצות סוכה, פון אזויפיל ענינים וואס מ'זאגט אויף די ארבעה מינים; זיי זענען מכוון אנקעגן דעם שם הוי"ה, זיי זענען מכוון צו די איברים, הולכה און הבאה, די נענועים אא"וו, האב איך פארלוירן שייכות מיט די פשוט'ע נקודה פון מצות ד' מינים און די עבודה דערפון? אפשר קען מען מיט געציילטע שורות אויסקלארן די פנימיות דערפון, ווי אויך וואספארא שייכות ס'האט מיט חג הסוכות?

## תשובה:

די עבודה פון ד' מינים, איז צו נעמען אונזער קשר מיטן אויבערשטן וואס מיר האבן זוכה געווען צו באקומען פון די סוכה אויף א מקיף'דיגע אופן, און עס אריינברענגען אין זיך אריין, זיך באהעפטן דערצו. ווייל אין סוכה שטייט עס העכער אונזער השגה, און מיר זענען מחובר דערצו נאך דורך אונזער 'אמונה' דערין. ס'איז טאקע זייער א דווערהאפטיגע און טיפע קשר וואס איז העכער דעם מענטשליכן שכל, אבער דער תכלית איז אז דער קשר צום אויבערשטן זאל ווערן א טייל פון אונז, א טייל פון אונזערע השגות און א טייל פון אונזער לעבן.

### א

## מגלה דעם אור ה' - אין אונזער לעבן

די ד' מינים זענען מגלה דעם אור ה', אזויווי ס'ווערט געברענגט פארשידענע טעמים אין ספרים הק': **א.** זיי זענען אנטקעגן די פיר אותיות פונעם שם הוי"ה. **ב.** די קדמונים שמועסן אויס אז יעדן גראז האט זיך זיין שר אין הימל וואס איז ממונה אויף אים, אבער די ד' מינים ווערן אויפגעפאסט בלויז דורכ'ן אויבערשטן אליינס. **ג.** דער תניא איז מבאר אין סידור, אז פון די ד' מינים אליינס דערקענט זיך דעם ענין פון אחדות, ווייל אין לולב איז באהאפטן צוויי בלעטער אויף איינס, און אויפן הדס וואקסט דריי בלעטער פון איין רינג, און אן אתרוג איז 'דָר בְּאִילָנוֹ מִשָּׁנָה לְשָׁנָה', דאס הייסט אז ס'לעבט אויפן בוים אין אלע פיר סעזאנען פון יאר, און טוט דערביי פאראייניגן אלע תקופות השנה, און ערבה הייסט 'אחוונא' אויפן לשון פון 'אחדות'. **ד.** מיר שאקלען ז' חלקים (לולב, אתרוג, דריי הדסים און צוויי ערבות), וואס איז אנטקעגן די שבע ספירות. אזוי שטייט ווייטער נאך רמזים.

קומט ארויס פון דעם, אז די ארבעה מינים טוען אנטפלעקן אור ה' טיף אין אונזער וועלט, אין מדריגת 'צומח', אין 'עולם העשיה', און מיט זיי ברענגען מיר אריין אור ה' אויך אינערהאלב אונזערע מושגים. דאס וואס מיר האבן ממליך געווען דעם אויבערשטן און די קשר וואס מיר האבן באנייט אום ראש השנה און יום כיפור, און נעמט אונז ארום אום סוכות - אט דאס טוען מיר ממשיך זיין אין זיך דורך די ד' מינים, ווייל די מהות פון דעם קשר, איז צו משיג זיין אחדות ה' אין אונזער שכל און לעבן מיט דעם.

### ב

## וואס איז דער ענין פון נענועים?

די ענין פון די נענועים און הולכה והבאה, איז אראפצוברענגען אור ה' וואס איז העכער אונזער השגה, אריין אין אונזער השגה.

ווייל מיר מאכן 'הולכה' אויף אלע פיר זייטן פון די וועלט, היות דער אויבערשטער איז 'מקומו של עולם' און דער אמת'ער שורש פון אלע נבראים צו ווערן יעדער ווערט בטל. ווען דעם מאכן מיר 'הולכה' מיט די מינים - וואס ווי געזאגט, זענען מגלה אחדות ה' - אויף יעדן ריכטונג, אויסצופירן אז באמת איז 'אין עוד מלבדו' און 'כולא קמיה כלא חשיב'. דערנאך מאכן מיר 'הבאה' און ברענגען צוריק די מינים צו זיך, מיטן ציל צו ממשיך זיין דעם אור אין אונז, אין אונזער לעבן, אין הארץ, צום פינטל פון הארץ.

צו זאגן: כאטש פון זיין זייט איז אלעס 'כלא חשיב', פונדעסטוועגן וויל דער אויבערשטער אז דווקא אונזער לעבן זאל אויסשרייען אור ה', דורך די פנימיות'דיגע נקודה פון א אידישע הארץ וואס איז 'חבוקה ודבוקה' אינעם אויבערשטן ('הולכה' איז 'יחודא עילאה' און 'סובב כל עלמין' - וויאזוי מצד דעם אויבערשטן אז אלץ ווי גארנישט און אינגאנצן בטל, און 'הבאה' איז 'יחודא תתאה' און 'ממלא כל עלמין' - אז דעם אור ה' ברענגט זיך ארויס דווקא דורך מעשי תחתונים און נשמות ישראל). דאס איז אויך דעם ענין פון 'הודו לה'' - די הכרה אין השי"ת, און דעם ענין פון 'אנא ה'' - עס ממשיך זיין אין אונז.

### ג

## אנכאפן דעם כביכול בכבודו ובעצמו

און דערפאר זענען די ד' מינים מרמז אויפן קומת האדם. די אתרוג איז מרמז אויפן הארץ, די לולב אויפן שדרה, די הדסים אויף די אויגן און די ערבות אויפן מויל. אט די גלידער פארקערפערן דעם גאנצן מענטשליכן געבוי, ווייל די שדרה ציעט זיך פונעם מח ביז אונטן, די ליפן און אויגן נעמען אריין און לאזן ארויס, און די הארץ שיקט חיות פארן גאנצן קערפער. און ווי געזאגט, די ארבעה מינים ברענגען אונז צו, אז אונזער גאנצע מציאות זאל זיין דבוק צום אויבערשטן. ווייל מיט סוכה, נעמט אונז דער אויבערשטער אריין אין זיין אור און איז אונז מחבק, אבער מיט די ד' מינים, טוען מיר אליינס כביכול אנכאפן דעם אויבערשטן בכבודו ובעצמו, דאס הייסט אז מיר ברענגען זיך צו זיין דבוק אין אים.

אין אנדערע ווערטער: סוכה דריקט אויס די אהבה וואס השי"ת האט אונז ליב, און לולב דריקט אויס די תוצאה פון די אהבה וואס ווערט דורך אונז, וויאזוי מיר געבן זיך אוועק פארן אויבערשטן צוליב אונזער אהבה.




י"ד

לא רעב ללחם
ולא צמא למים
כי אם לשמוע
את דבר ה'

גיט
אריין
א חיות
אין
טויזנטער
נשמות



איבער 20,000 טויזנט גליונות
ווערן ב"ה פארשפרייט אין ארה"ק און חו"ל
נאך טויזנטער אידן ווילן באקומען דעם גליון
ערמעגליכט אונז אנקומען צו זיי

מיט בלויז
180$
ספאנסערט איר
1000
גליונות
1000 אידן וועלן
האבן א חיות
און קשר מיטן
אויבערשטן; **א**
**זכות לנצח נצחים**

אידן זענען
מעיד אויף
אפענע ישועות
מיט אמת'ע נחת
פון די קינדער

**מ'ברענגט** אריין
א חיות אין דעם
אויבערשטנ'ס
קינדער און
**מ'זעט** א חיות
ביי די אייגענע
קינדער

פאר אייערע נדבות
און אלע עניני הפצת הגליון אין אמעריקע
347.452.3118

# בחרתנו מכל העמים

געווענליך איז מוצאי יום הקדוש א זמן פון געוואלדיגע שמחה אין דינוב. ווער עס האט מיטגעהאלטן די געהויבענע עבודה ביים הייליגן בני יששכר זי"ע, קען זיך נישט צוריקהאלטן פון ווערן אריינגעשלעפט אינעם ים פון שמחה און פרייליכע געמיט. אבער דאס יאר איז אנדערש.

די חסידים דרייען זיך ארום אין א פריידיגע גייסט אבער געמישט מיט א באהאלטענע זארג. טראץ די הויפנס הייליגע השגות און קירבת אלקים וואס זיי האבן גענאסן, שוועבט א וואלקן פון אומעט העכער זייערע קעפ.

ווער ס'כאפט א בליק אויפן הייליגן אבער פארזארגטן פנים פונעם רבי'ן, פארשטייט גלייך זייער קלעם. ס'קוקט אויס אז א שווערע קטרוג לויערט אויף כלל ישראל, און דאס איז די סיבה צום רבינ'ס צושטערטן שטימונג.

די חסידים זענען זיך מחזק מיט ביטחון און אפאר ווארעמע תפילות אז דער קטרוג זאל נמתק ווערן, און אלעס זאל זיך איבערדרייען צום גוטן.

גלייך נאך הבדלה, ווערן די משמשים בקודש אריינגעווארפן אין א פרישן צווייפל.

יעדעס יאר גלייך נאך הבדלה און א קליינע טעימה, פירט זיך דער צדיק ארויסצוגיין מיט די גבאים אין חצר כדי צו בודק זיין די סוכה. געווענליך פלעגט זיי דער צדיק דא און דארט אנצייכענען פארשידענע זאכן וואס מ'דארף פארריכטן, אמאל אין די כשרות הסוכה, און צומאל לגבי די נוי סוכה.

אבער דאס יאר, מאכט דער רבי הבדלה און בלייבט שטיל. אן ארויסזאגן אווארט, שארט ער זיך אריין אין זיין שטיבל, און זעצט פאר זיין הימלישע עבודה ווי גלייך ס'וואלט גארנישט געווען.

"מסתמא וויל דער רבי מארגן עוסק זיין מיט די סוכה", זוכט איין משמש צו ערקלערן. אבער ווען דער מארגן קומט אן, און דער איבערמארגן פארשפעטיגט נישט צו קומען - האט שוין יעדער פארשטאנען אז עפעס ערנסט קומט פאר.

שפעט פרייטאג נאכמיטאג, באלד צוויי מעת לעת'ן נאך יום הקדוש, רופט דער רבי צו די גבאים.

"פארוואס האט איר מיר נישט דערמאנט וועגן די סוכה?!", בייזערט זיך דער רבי, "צו א דבר מצוה פארשטייט איר גארנישט, נאר צו נעמען געלט פון חסידים...".

די משמשים טרעטן צוריק מיט שרעק. זיי קענען זיך נאר טרייסטן אז 'וואונדערליכע זאכן' איז דא אן אפטע ערשיינונג, און מ'פרעגט נישט קיין קשיות.

דער רבי הייבט זיך שנעל אויף, און גייט צוזאמען מיט די גבאים צו די סוכה.

די סוכה איז דאס יאר עפעס מאדנע פול מיט פראבלעמען... אויף וועלכע זייט דער רבי קוקט, אנטדעקט ער א פעלער אויף וואס זיך צו רעגן. וואס איז מיטן טיר?! און די שלאק?! אזא פענסטער!

נאכן מאכן א סך הכל פון אלעס וואס מ'דארף פארעכטן, דערזעען זיך די גבאים אין א פארלעגנהייט. צו פאררעכטן די אלע פראבלעמען וועט דויערן פאר צוויי געניטע ארבעטער ווייניגסטנס א האלבע טאג, אבער ס'איז שוין אט אט שבת קודש! אום זונטאג געפאלט א גוי'אישע חגא, און קיין שום גוי וועט נישט האבן די דרייסט צו פארשוועכן זייער 'יו"ט', אפילו פאר אפאר מטבעות - ווילאנג די שטרענגע געזיכט פונעם גלח שטייט זיי פאר די אויגן... מאנטאג איז שוין יום טוב! וואס טוט מען?

דער צדיק נעמט נישט אן קיין שום אנטשולדיגונג פון די גבאים. ער בייזערט זיך אויף זיי און אויפן ענגן מצב.

"גלייך מוצאי שבת זאלט איר מיר צורופן ר' וואלף רייך" פסק'נט דער רבי.

רבי וואלף רייך איז געווען א פייערדיגער דינוב'ער חסיד. דערצו איז ער געווען פארמעגליכער מענטש און האט געהאט אסאך קשרים ביי די העכערע פענסטערס, אבער א חסיד בטל ומבוטל צום רבי'ן.

ווי נאר ר' וואלף קומט אריין, הייבט אים דער רבי אן מיטטיילן די גאנצע פרשה: די משמשים האבן אים נישט דערמאנט איבער די סוכה, די סוכה איז אזוי פראבלעמאטיש, מ'קען נישט טרעפן קיין שום גוי'אישע ארבעטער עס צו פארעכטן, און וויפיל עגמת נפש דאס קאסט אים אפ.

רבי וואלף הייבט אן שוימען אויף די גבאים, אבער דער רבי האקט אים באלד איבער.

"דאס גייט מיר נישט העלפן!", מאכט דער רבי קלאר, "איך דארף דו זאלסט עפעס טון דערוועגן!".

"הייליגער רבי!", שטוינט רבי וואלף, "כ'בין גרייט צו גיין פארן רבי'ן אין פייער, אבער וואס קען איך דא טון?".

"כ'וויל דו זאלסט דינגען צוויי גוים צו קומען פאררעכטן מיין סוכה, און אויב זאגן זיי דיר אפ אלס מורא פונעם גלח, זאלסטו זיי זאגן אז דער גלח געבט ערלויבעניש".

דער צדיק לייגט צו: "און כדי אפצוקויפן דעם גלח, האסטו דאס...", און דערלאנגט אים צוויי ספעציעל טייערע פלעשער בראנפן.

ר' וואלף טראכט נישט קיין צוויי, און טרעט צו צום גלח'ס הויז, מיט די צוויי פלעשער אין האנט.

נאך איידער ר' וואלף ענדיגט זיין בקשה, פארלירט דער גלח זיין גלייכגעוויכט נאר פון שמעקן דעם אויסערגעווענליכן גערוך פונעם משקה. ער רייסט האסטיג אויף דעם שטאפיק און שרייט אויס: זיכער, זיי מעגן, אין נאמען פון די קירכע, זיי מעגן... ווען פאר וואס ווען, ליידיגט ער אויס דאס פלעשל ביז טרוקעניש.

אייגנטליך איז דאס אלץ וואס דער רבי האט געדארפט.

סוכות ביינאכט. דער הייליגער רבי שפרייזט אריין מיט א לוסטיגע שטראל אויף זיין פנים אין די סוכה, וואס איז נארוואס פארראכטן געווארן דורך גוים אין זייער חגא...

"רבונו של עולם", הייבט דער רבי אויף זיינע הענט צום הימל, "וועלכער איד וואלט פאר אלע געלט פון דער וועלט פארשוועכט דעם הייליגן שבת, און דא האסטו צוויי גוים וואס זענען פאר אפאר רייניש געווען גרייט צו פארציכטן אויף אלעס! אפילו זייער גלח האט אלץ דורכגעלאזט פאר בלויז צוויי פלעשער משקה... טאטע אין הימל; איז דען דא ווי דיין פאלק ישראל?!".

אן אויפרייס אין אלע עולמות. קיין שום קטרוג איז נישט געבליבן שטיין נאך אזעלכע ווערטער. יענער יאר איז געווען א פרייליכער יאר פאר די אידן אין דינוב.

מקור: רבי צבי אלימלך מדינוב

בסייעתא דשמיא

דעם
טעלעפאנישן
פארברענג
אויף 'קול דודי'
האסטו שוין
געהערט?

לייזן
חסיד'ישע
פארברענג
אויף 'קול דודי' לייזן

צווישן המשפיעים החשובים
פון מערכת 'יחידתי' פמ"מ
הגה"ח ר' שאול יהודה
שידלוי שליט"א
און הגה"ח ר' דוד אריה
ראזנבערג שליט"א



דינסטאג
וועכנטליך

דאס און נאך פיל ליכטיגע שיעורים **טעגליך און וועכנטליך** וואס וועלן דיר מאכן 'לעבן'

שיעור יומי בחסידות • יסודות און נקודות • אחסידישע בליק אויף די פרשה • חיזוקים און פרישקייט • גוטע שטיקלעך • חסיד'ישע ניגונים • און פיל נאך

קול דודי אין אמעריקע • טעמו וראו כי טוב ה'

605.313.6695



יהודים צמאים לדבר ה'! דער אינהאלטס רייכער גליון האט געמאכט א מהפכה ביי טויזנטער אידישע נפשות. נאך אסאך אידן ווילן זוכה זיין צום אור! נעמט א חלק און די געוואלדיגע זיכוי הרבים רופט: 347-428-6483 אדער צום אימעיל DD0722531385@gmail.com